א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת וארא

## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### דורך די תפילה איז דערמאנט געווארן די זכות אבות

"וְגַם אֲנִי שָׁמַעְתִּי אֶת נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל... וָאֶזְכֹּר אֶת בְּרִיתִי" (ו ה)

מ'דארף פארשטיין: וואס האט צוגעגעבן די 'נאקת בני ישראל', אויב ס'איז שוין געווען א ברית אבות אז זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן?

ערקלערט **רבי יוסף דוד** דער הויפט פון די רבנים אין סאלוניקי:

אין מסכת סנהדרין (קד א) זאגן די חכמים: "ברא מזכי אבא, אבא לא מזכי ברא", ד.מ. א זוהן קען מזכה זיין און פטר'ן זיין פאטער - וואס איז א רשע - פון די שטראף פון הימל, אבער א צדיק קען נישט מזכה זיין זיין זוהן אויב ער איז א רשע. שרייבט אבער דער חיד"א ('מדבר קדמות' א לד) אז ווען דער זוהן האט געדאווענט און האט תשובה געטוהן קען אים זיין פאטער יא ראטעווען, און לויט דעם קענען מיר פארשטיין אז דאס האט דער אויבישטער געזאגט פאר משה:

ווען נישט "שָׁמַעְתִּי אֶת נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" וואלט די ברית אבות נישט געהאלפן פאר זיי, ווייל 'אבא לא מזכי ברא', נאר נאך וואס די ווי געשריי איז געהערט געווארן, איז געווען: "וָאֶזְכֹּר אֶת בְּרִיתִי" און זיי זענען געהאלפן געווארן.

'בתי אבות' עמ' קסה

### 'תרתי קלי לא משתמעי'

"הֵן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁמְעוּ אֵלַי וְאֵיךְ יִשְׁמָעֵנִי פַרְעֹה" (ו יב)

אסאך וואונדערן זיך: וואספארא קל וחומר איז דאס, די סיבה פארוואס די אידן האבן נישט צוגעהערט צו משה'ס רייד איז דאך געווען צוליב: "מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה" (אויבן פס' ט), און פון ווי ווייסט מען אז פרעה וועט אויך נישט צוהערן צו זיינע רייד?

ערקלערט **רבי שאול אמסטערדאמער**:

די חכמים זכרונם לברכה זאגן (מכילתא בא פ"ג), ווייל משה רבינו האט נישט גערעדט קלאר, האט זיין ברודער אהרן אים ארויסגעהאלפן ער זאל קענען איבערגעבן פאר די אידן וואס דער אויבישטער זאגט, "און די ווערטער איז ארויס געקומען פון צווישן זיי, ווי ביידע וואלטן גערעדט". און עס איז ידוע דער כלל (ר"ה כז א) "תרתי קלי... לא משתמעי", און וועגן דעם, ווען צוויי מענטשן זאגן עפעס צוזאמען קענען זיי נישט מוציא אנדערע, אויסער הלל און מגילה, וואס אפילו צעהן ליינען צוזאמען קענען זיי מוציא זיין דעם רבים, ווייל צוליב די ליבשאפט פון די זאכן האט דער ציבור א שטארקע כוונה עס צוהערן.

און דאס האט משה גע'טענה'עט צום אויבערשטן: אויב די אידן וואס די בשורה איבער די גאולה איז באליבט אויף זיי, דאך האבן זיי נישט צוגעהערט צו מיינע רייד וואס זענען געהערט געווארן ווי צוויי קולות, פרעה וואס די בשורה איז שווער פאר אים - וויאזוי וועט ער עס הערן, מ'קען דאך נישט הערן צוויי קולות אויפאמאל?!

'בנין אריאל'

### 'ועשה בהם שפטים... והרג את בכוריהם'

"וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה רְאֵה נְתַתִּיךָ אֱלֹהִים לְפַרְעֹה" (ז א)

"שופט ורודה לרדותו במכות ויסורין" (רש"י)

א וואונדערליכער יסוד לייגט אראפ הגרי"ז פון **בריסק** אין די ענין פון די מכות אין מצרים:

די מכות זענען נישט געגעבן געווארן פאר פרעה צוליב וואס ער וויל נישט ארויסשיקן די אידן, נאר אלץ א שטראף אויף דעם וואס ער האט זיי אונטערגעטעניגט. און ווייל אברהם אבינו האט באקומען א הבטחה (בראשית טו יד): "וְגַם אֶת הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ דָּן אָנֹכִי", איז משה רבינו געווארן ווי א 'ריכטער' וואס זאל משפט'ן פרעה און די מצרים אויף די שעבוד.

אנדערשט איז אבער מכת בכורות, אויף דעם שטייט קלאר אין תורה אז דאס איז געווען אלץ א שטראף פאר די מצריים **אויף דעם וואס זיי האבן נישט ארויסגעשיקט די אידן**, אזוי ווי עס שטייט (לעיל ד כג): "וַתְּמָאֵן לְשַׁלְּחוֹ הִנֵּה אָנֹכִי הֹרֵג אֶת בִּנְךָ בְּכֹרֶךָ". מיט דעם וועלן מיר פארשטיין דעם לשון פון דער פייטן אין די הגדה של פסח: "על אחת כמה וכמה טובה כפולה ומכופלת למקום עלינו, שהוציאנו ממצרים, ועשה בהם שפטים... והרג את בכוריהם"; וועגן דעם דערמאנט מען די מכת בכורות עקסטער פון די אנדערע 'שפטים', ווייל דאס איז נישט געווען אלץ א שטראף פאר די מצרים אויפן אונטערטעניגן, נאר ווייל זיי האבן נישט ארויסגעלאזט די אידן.

חידושי רי"ז הלוי; 'אהל משה'

### די גאולה אין זכות פון אמן

"וְגַם אֲנִי שָׁמַעְתִּי אֶת נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר מִצְרַיִם מַעֲבִדִים אֹתָם וָאֶזְכֹּר אֶת בְּרִיתִי" (ו ה)

די ראשי תיבות: "אֲשֶׁר מִצְרַיִם מַעֲבִדִים אֹתָם וָאֶזְכֹּר אֶת בְּרִיתִי" איז בגימטריה 'אמן'. פון דא איז א רמז אויף דער מדרש (ילק"ש הושע רמז תקיט) וואס זאגט: "לא נגאלו אבותינו ממצרים אלא בזכות אמנה".

'פרפראות לחכמה' עמ' מג

### פארוואס האט משה רבינו געדארפט שרייען 'על דבר הצפרדעים'?

"וַיִּצְעַק מֹשֶׁה אֶל ה' עַל דְּבַר הַצְפַרְדְּעִים אֲשֶׁר שָׂם לְפַרְעֹה" (ח ח)

פארוואס שטייט ביי די צפרדעים: 'וַיִּצְעַק מֹשֶׁה אֶל ה'', אנדערשט פון די אנדערע מכות ווי דארט שטייט: 'וַיֶּעְתַּר אֶל ה''?

עטליכע פירושים זענען געזאגט געווארן אויף דעם:

א. **רבנו יצחק אברבנאל** (לעיל פ"ז ד"ה ויאמר ה') זאגט: ביי די מכה פון צפרדע האט משה רבינו פון זיך אליין געפרעגט פאר פרעה: "לְמָתַי אַעְתִּיר לְךָ", און ווען פרעה האט אים געענטפערט "לְמָחָר", האט אים משה צוגעזאגט: "וַיֹּאמֶר כִּדְבָרְךָ" (לעיל פס' ה'-ו'); ווייל משה האט מורא געהאט אז דורך דעם וועט זיך פריער ענדיגן די מכה נישט לויט השי"ת ווילן, האט ער געדארפט שטארק שרייען צו השי"ת כדי זיינע ווערטער זאלן מקויים ווערן, און דאס זאגט די תורה: " וַיִּצְעַק מֹשֶׁה... עַל דְּבַר הַצְפַרְדְּעִים" - אויף דעם וואס ער האט גערעדט ביי די מכה פון צפרדע פון זיין אייגענעם ווילן.

ב. נאך ערקלערט **רבינו עובדיה ספורנו**: אין דער פריערדיגער פסוק שטייט אז משה האט באגרעניצט זיין בקשה אז נאר די צפרדעים וואס האבן געשעדיגט פאר די מצרים זאלן אוועק גיין, אבער די וואס זענען אין יאור זאלן איבערבלייבן. וועגן דעם האט ער געדארפט שטארק שרייען צו השי"ת, ווייל מיר טרעפן אין גמרא (יומא סט ב) אז מ'בעהט נישט א האלבע בקשה, ווייל "פלגא ברקיעא לא יהבי".

אויך לויט דעם פארשטייט מען פארוואס האט די תורה געזאגט: "עַל דְּבַר הַצְפַרְדְּעִים **אֲשֶׁר שָׂם לְפַרְעֹה**", ד.מ.: די סיבה וואס ער האט געדארפט שרייען איז געווען צוליב דעם וואס ער האט געבעהטן נאר אויף א טייל צפרדעים און נישט אויף אלע.

ג. דער **'שפתי חכמים'** ערקלערט לויט וואס איז גע'פסק'נט אין 'שולחן ערוך' (או"ח סב ג) אז דער וואס דאוונט זאל דאווענען הויעך ער זאל הערן וואס ער זאגט. וועגן דעם האט משה געדארפט שרייען העכער פון די געשרייען פון די צפרדעים כדי ער זאל הערן וואס ער זאגט.

אין ספר **'נחלת צבי'** לייגט ער צו אז וועגן דעם זאגט די תורה "עַל דְּבַר הַצְפַרְדְּעִים", אז די געשריי פון משה איז געווען כדי זיין שטימע זאל זיין העכער פון די גרודער פון די צפרדעים.

ד. מרן ה**'חתם סופר'** ('תורת משה') ערקלערט עס לויט די גמרא (סוכה יד א) אז די תפילה פון די צדיקים ווערט אנגערופן 'עתירה', אזוי ווי א 'עתר' וואס דרייט איבער די תבואה, אזוי זייער תפילה דרייט איבער פון מדת הדין צו מדת הרחמים. לויט דעם, ווייל ביי די מכה פון צפרדע האט די תפילה פון משה נישט אינגאנצן איבערגעדרייט פון 'דין' צו רחמים, ווייל עס איז דאך געבליבן א שלעכטן גערוך פון די טויטע צפרדעים, וועגן דעם שטייט נישט ביי דעם א לשון 'עתירה'.

### משה האט געדאוונט אויף צוויי סארט גלות

"וַיֵּצֵא מֹשֶׁה מֵעִם פַּרְעֹה וַיֶּעְתַּר אֶל ה'" (ח כו)

דא, ביי די מכה פון ערוב, און אויך ביי די מכה פון ארבה (להלן י יח) שטייט דער לשון "וַיֶּעְתַּר", וואס דאס איז די טייטש פון אסאך בעהטן און דאווענען (רש"י בראשית כה כא); זאגט אויף דעם האדמו"ר **רבי ברוך פון קאמארנא** בדרך רמז אז משה האט דא געדאוונט אויף צוויי תקופות פון גלות:

די מכה פון ערוב סימבאלעזירט די תקופה וואס די גויים ווייזן א שיינעם פנים פאר די אידן און זיי ווילן זיך אויסמישן מיט זיי; אויף די תקופה האט משה געדאוונט זייער אסאך אז די אידן זאלן קענען ביישטיין דעם ניסיון און זיך נישט אוועק רוקן פון זייער גלויבונג; אנדערשט איז די מכה פון ארבה וואס סימבאלעזירט די תקופה וואס די גויים ווילן אויסרייסן דאס אידישע פאלק, אזוי ווי ארבה וואס פארלענד די תבואה, און אויך אויף די שווערע תקופה האט ער אסאך געדאוונט אז די אידן זאלן זיך קענען האלטן.

'שלשלת קאמרנא' עמ' תצד






כלביא יקום וכארי יתנשא

מרן ראש הישיבה רבינו אהרן יהודה לייב שטיינמאן זי"ע וואס יעצט איז די שלושים צו זיין הסתלקות האט יעדן אינדערפריה מקפיד געווען צו זאגן די ברכות השחר פאר זיינע נאנטע וואס האבן געענטפערט נאך אים אמן

לאמיר נאכגיין זיינע וועגן און זיך אזוי פירן און עס זאל זיין לעילוי נשמתו

ברכות השחר. אויפן קול! מיט כוונה! מיט א חברותא!

# תענה אמונים

א בליק לויטן
סדר פון דאווענען

## קריאת שמע - די ערשטע קאפיטל 'ואהבת' (ד)

### די מצוה פון 'ושננתם לבניך' פארן פאטער

ווייל די תורה האט אריינגעשטעלט די מצוה פון "ושננתם לבניך" צווישן די מצוה "והיו הדברים... על לבבך" און די מצוה "ודברת בם", זאגן די מפרשים אז פון דעם זעהן מיר אז לערנען מיט די קינדער איז א טייל פון די מצוה פון תלמוד תורה פון דער פאטער. און ערקלערן, אז דער פסוק קומט אונז לערנען, אז דורך דעם וואס די קינדער זעהן ווי זייער פאטער לערנט ווי עס דארף צו זיין, 'בשבתך בביתך ובלכתך בדרך' וגו', לערנען זיי זיך אפ פון דעם און עס ווערט מקויים דורך אים די מצוה פון 'ושננתם לבניך' ('מכתב סופר' דרוש כ"ו).

ענליך צו דעם טייטש מען וואס רש"י ברענגט אראפ אויף דער פסוק: "'ושננתם לבניך' - אלו התלמידים"; און אויף דעם איז באקאנט דער משל פון דער גר"א צו א גרויסע כלי פול מיט וויין, וואס ארום דעם האט מען אראפגעלייגט קליינע ליידיגע כלים; לויט וואס מ'וועט אנפילן דעם גרויסן כלי, אזוי וועלן זיך אנפילן די קליינע כלים וואס זענען ארום. אזוי אויך ביי חינוך, אויב דער מחנך איז אליין א בחי' פון 'כלי מלא', וועט אים גרינג זיין צו משפיע זיין אויף זיינע תלמידים זיי זאלן קונה זיין תורה און יראת שמים מיט א פולע האפן, אבער אויב ער אליין איז נאכנישט פול - וויאזוי וועט ער משפיע זיין אויף די קליינע כלים וואס זענען ארום?!

לענינינו: אלע ווילן אז זייערע קינדער און תלמידים זאלן זיין ערליכע אידן תלמידי חכמים, אבער דער ערשטער תנאי אויף דעם איז אז דער פאטער און דער רבי זאלן ווייזן א אייגענעם מוסטער; אויב זייער הארץ וועט זיין פול מיט תורה, וועט זיי גרינג זיין צו מקיים זיין: 'ושננתם לבניך' ('דברי אפרים' [פון ר"א סענדעראוויץ], ואתחנן).

און אזוי דערציילט מען נאך א מעשה וואס איז געווען ביי הרה"ק מהר"י פון בעלזא; איינמאל איז געקומען צו אים א חסיד און זיך אפגערעדט אז ער איז נישט מצליח מיט די חינוך פון זיינע קינדער. האט אים דער בעלזער רב געזאגט: 'זאלסט וויסן, אז דער אויבישטער קומט נישט מיט א פאראיבל אויף זיינע באשעפענישן. וואלט וואן נישט **יעדער מענטש** געקענט מקיים זיין די מצוה פון 'ושננתם לבניך', וואלט עס נישט געשטאנען אין די תורה'. און האט פארגעזעצט מיט א פראגע: 'זאג נאר: דו ביזסט יעדן טאג קובע עתים לתורה?', ווען יענער האט זיך ארויסגעדרייט פון א ענטפער, האט אים דער רבי געזאגט מיט א שטרענגן טאן: 'אויב דו האסט נישט קיין חשק צום לערנען? וויאזוי ווילסטו אז דיינע קינדער זאלן האבן חשק?!' (שו"ת 'צור יעקב' ח"ב, אין די פתיחה פון דער בן המחבר).

### 'ברא מזכה אבא'

א מעשה שהיה אין די תקופה פון די מלחמה פון רוסלאנד - יאפאן: די יאפענער האבן געווארפן שעדליכע באמבעס צו די ריכטונג פון די רוסישע לאגערן, און בעפאר זיי האבן אויפגעפלאצט האט א אידישער סאלדאט עס געכאפט אין זיינע הענט און עס אריינגעווארפן אין טייך אריין, און מיט דעם האט ער געראטעוועט די גאנצע לאגער זאל נישט פארטיליגט ווערן. א שטיקל צייט נאכדעם איז דער פאטער פון דעם סאלדאט געברענגט געווארן צו א ריכטער וואס האט אים געדארפט אורטיילן א שווערן שטראף נאכן באשולדיגט ווערן מיט די פארברעך פון שעדיגן די זיכערהייט פון די לאנד. ווען דער ריכטער האט געהערט זיין נאמען, האט ער זיך אינטערעסירט אויב צווישן אים און יענער העלדישער סאלדאט איז פארהאן א פארבינדונג. 'דאס איז מיין זוהן!' האט דער פאטער געענטפערט, און דער ריכטער האט אים באלד באפרייט, ווען ער ערקלערט: 'אויב האט דער זוהן באוויזן אזא שטארקע באגלייבטקייט צו זיין לאנד, איז דאס א באווייז אז זיין פאטער האט אים אזוי ערצויגן, און עס איז זיכער אז די קלאגע אקעגן אים איז נישט ריכטיג'.

ווען דער משגיח רבי אליהו לאפיאן האט געהערט פון דעם האט ער געזאגט: פון דא קענען מיר לערנען ווי ווייט איז חשוב אז מיר זאלן משקיע זיין און זיך אנשטרענגען אז אונזערע קינדער זאלן גיין בדרך התורה והמצוות, ווייל שטייענדיג פארן בית דין של מעלה, וועט די אויפפירונג פון אונזערע קינדער על דרך התורה זיין א זיכערער באווייז אז מיר זענען אויך אזוי געווען, און אויב מיר האבן געזינדיגט זאל ער אונז מוחל זיין ('לב אליהו' ח"א עמ' רצה).

### ער זאל נישט זיין ווי איינער וואס זאגט א עדות שקר

דער ירושלימער רב רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל האט אזוי געזאגט: חז"ל זאגן (ברכות יד ב): "כל הקורא קריאת שמע בלא תפילין כאילו מעיד עדות שקר בעצמו", ווייל ביי די פרשה פון קריאת שמע שטייט: "וקשרתם לאות על ידך". לויט דעם קען מען זאגן אז אויך דער וואס ליינט קריאת שמע און איז נישט מחנך זיינע קינדער ווי עס דארף צו זיין, איז ער ווי מעיד עדות שקר בעצמו, ווייל די מצוה שטייט אויך אין די פרשה פון קריאת שמע... ('מרא דארעא דישראל' ח"ג עמ' קלח).

און דער וויזשניצער רבי, בעל 'ישועות משה' האט געזאגט: "ושננתם לבניך ודברתם בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך" - זאלסט נישט זיין צופרידן נאר מיט לערנען אליין, נאר זאלסט שטענדיג רעדן מיט דיינע קינדער וויאזוי מ'דארף זיך אויפפירן 'בשבתך בביתך' - די הנהגות אין שטוב, 'ובלכתך בדרך' - וויאזוי צו האבן שמירת עינים, 'ובשכבך ובקומך' - זיי זאלן שטענדיג פירן זייער לעבן לויט השי"ת'ס רצון ('נועם מגדים' קלג).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## א 'דזשי פי עס' פון דאווענען

די יעצטיגע רייזע איז נישט געווען דאס ערשטע מאל וואס הרב פ. אין געפארן קיין אמעריקא. אין ראם פון זיין עסקנות אויפהאלטן מוסדות התורה האט ער פון מאל צו מאל געמוזט נעמען דעם וואנדער שטעקן און ארום פארן אין די ווייטע שטעטלעך מזכה זיין דעם רבים צו זיין שותפים מיט אים מיט די מצוה פון החזקת תורה.

געווענליך, אנקומענדיג קיין אמעריקא, פלעגט ער דינגען א דארטיגער דרייווער זאל אים ארום פירן פון איין פלאץ צום צווייטן, פון די אדרעס צו די אנדערע אדרעס. ביי די יעצטיגע רייזע האט באשלאסן, וועלנדיג איינשפארן די הוצאות פון די רייזע, דינגען א קאר אין לופטפעלד, און מיט דעם ארום פארן אין לויף פון די גאנצע צייט וואס ער וועט זיין אין אמעריקא, און עס אפגעבן אין לופטפעלד בעפאר ער פארט צוריק אהיים.

בעפאר ער איז ארויסגעפארן פון ארץ ישראל האט ער געקויפט א 'דזשי פי עס' אויף דעם היזיגן שפראך, און האט אין דעם געאפדעט די מאפע פון די אמעריקאנער גאסן, אזוי וועט אים גרינגער זיין זיך צו באקענען אין די פארדרייטע וועגן און קענען אנקומען דורך די קורצסטע און גרינגסטע וועג צו די אלע אדרעסן.

באלד ביים לאנדן האט ער זיך געאיילט מיט זיינע רענצלעך צו די ריכטונג פון די קאמפאני ווי דארט האט ער באשטעלט די מאשין, דער פראצעס איז געווען שנעל און גרינג, און ביים ענדע האט מען אים געוויזן א מאשין וואס איז געווען אין די פארקינג לאט ווען די שליסלעך זענען אין דעם. ער האט אנגעצינדן דעם 'דזשי פי עס', געאפדעט די אדרעס ווי דארט האט ער געדארפט איינשטיין און זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג.

ווי מער טעג זענען אריבער האט ער זיך מער איבערגעצייגט אז די געדאנק פון דינגען א מאשין איז געווען גאר געלונגען. דורך די קאר האט ער געקענט גוט אויסשטעלן זיינע פלענער צו אלע פלעצער ווי ער האט געדארפט אנקומען, אן צו זיין צוגעבינדן צו די זמנים פונעם דרייווער. די מאשין איז פאר אים געווען ווי א 'צווייטע הויז', און דורך דעם איז אים נאך אויך איבערגעבליבן איבעריגע צייט צו לערנען תורה.

אלעס איז אים געגאנגען זייער גוט, ביז דעם טאג וואס ער האט געדארפט צוריק פארן. פונקט יענעם טאג האבן זיך פארדרייט די ענינים. די פליגער האט זיך געדארפט הייבן דאנערשטאג האלב זעקס נאכמיטאג, און לאנדן אין ארץ ישראל פרייטאג פארמיטאג. אויב וואלט ער ארויס געפארן אין א שפעטערדיגע שעה, וואלט ער נישט אנגעיאגט צו לאנדן בעפאר די שבת קומט אריין, און זיין פאמיליע האט שוין אויסגעקוקט ער זאל צוריק אהיים קומען.

ער איז נישט געווען געוואוינט צו נעמען א ריזיקע, און וועגן דעם איז ער אויפגעשטאנען אינדערפריה אין א פריה שעה, ער האט זיך שנעל ארגאנעזירט און האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג אנצוקומען צום לופטפעלד צוויי-דריי שעות בעפאר די צייט. אויפן וועג האט ער נאך געדארפט אריינגיין אויף א באזוך אין צוויי אנדערע שטעט וואס זענען נישט אויף די ריכטונג פון זיין וועג, אבער ער האט געהאט גענוג צייט.

ניין אזייגער אינדערפריה האט ער זיך געזעגנט פון זיין גאסטגעבער, און בעפאר ער איז ארויסגעפארן האט ער געאפדעט אין די 'דזשי פי עס' די אדרעס פון די 'קענעדי' לופטפעלד, און האט אויך אויפגעשריבן די צוויי פלאנירטע סטאנציעס אויפן וועג. עס האט זיך אויפגעשריבן אז ער האט פאר זיך א וועג פון פיר און א האלב שעות, און נאכן צולייגן וויפיל צייט עס וועט געדויערן די צוויי וויזיטן האט ער געהאט גענוג צייט אנקומען צו די לופטפעלד, צוריק געבן די קאר פארן אגענט פון די קאמפאני און אנקומען צו די פליגער אין א פריה צייט.

די וועג האט זיך אביסל פארלענגערט מער ווי געראכטן, און ווען ער איז ענדליך אנגעקומען צו די 'קווינס' געגנט וואס די 'קענעדי' לופטפעלד איז אין זיין עק, איז שוין געווען האלב דריי נאכמיטאג. ער האט נאכאלץ געהאט גענוג צייט צו קענען אנגעקומען צייטליך, אבער דעמאלטס האט ער געזעהן אז א גרויסע טרעפיק איז פאר אים. די מאשין האט זיך קוים גערירט און די זייגער האט געקלאפט נערוועזערהייט, און צוליב דעם האט ער באשלאסן צו נעמען א ריזיקע און איז אראפ פונעם וועג און איז אריין אין איינס פון די געגנטער פון 'קווינס', אפשר דורך דעם, האט ער געהאפט, וועט די וועג קלענער ווערן.

די באשלוס האט זיך אבער ארויסגעוויזן אלץ א ביטערער גרייז, דער 'דזשי פי עס' וואס ביז יעצט האט עס אים זייער געטריי ארויסגעהאלפן, האט אים יעצט אנגעהויבן צו פארדרייען. ער האט אים ארום געפירט ארום און ארום צווישן די פארדרייטע גאסן און יעדעס מאל האט ער אים צוריק געפירט צום הויפט גאס וואס פון דארט איז ער געקומען. אויף הילף פון די דורכגייער האט ער נישט געווארט, אין אזא גוי'שע געגנט וועט אים דאס אידישע שפראך נישט העלפן, און די צובראכענע ענגליש האט אים אויך נישט געקענט העלפן.

ענדליך האט ער זיך געבראכן און איז צוריק געפארן צו די פלאץ וואס ער האט עס פארלאזט ארום א האלבע שעה פריער. דער זייגער האט שוין געוויזן אויף נאך דריי, און דער טרעפיק איז געווארן מער און מער שטייט. די 'דזשי פי עס' האט געוויזן אז אזא וועג געדויערט נאר פינעף און צוואנציג מינוט, אבער די מציאות איז אינגאנצן אנדערש געווען.

א שעה שפעטער ווען די זייגער האט געוויזן אויף האלב פיר נאכמיטאג האט ער ענדליך געפיהלט אז עס רוקט זיך שוין, פלוצלינג האט זיך געעפנט די טרעפיק און ער האט אנגעהויבן זיך צו יאגן אויפן וועג ווען אין מויל שעפשעט ער א תפילה ער זאל נאך אנקומען אין די צייט.

די זייגער האט געוויזן אויף צעהן פאר פיר. ענדליך אין די מאשין שוין געשטאנען ביים אריינגאנג צו די לופטפעלד, הרב פ. האט נאכאלץ געדארפט אנקומען צו אסאך רחמי שמים ער זאל קענען אניאגן שנעלערהייט די פראצעדור פון צוריק געבן דאס קאר. פון דארט האט ער געדארפט נעמען דעם באהן וואס וועט אים צופירן צום טערמינאל, א וועג פון ארום צעהן מינוט.

'פאר רעכטס און באלד נאכדעם לינקס!' - האט די אפאראט אים געהייסן, און ער האט פונקטליך געפאלגט, רעכטס און לינקס, אבער דעמאלטס איז ער אויפגעטרייסלט געווארן צו הערן ווי 'דזשי פי עס' רופט אויס הויעך: 'שטעלט אויס די וועג פון דאסניי' (חישוב מסלול מחדש)...'.

זיין הארץ האט אים ווילדערהייט געקלאפט, נאר נישט דאס! ער האט געוואלט צוריק גיין, אבער די נערוועזע פייף פון די מאשין וואס איז געשטאנען אונטער אים האט אים אפגעהאלטן פון צו טוהן אזוי. אנשטאט דעם האט ער באשלאסן צו פארן שנעל נאך די 'דזשי פי עס', גאנצע זיבן מינוטן האט אים געדויערט צוריק אנקומען צו די פלאץ ווי ער איז פריער געווען, יעצט האט ער זיך אפגעשטעלט און אריינגעצויגן א טיפן אטעם, ער איז געפארן געלאסן לויט דעם 'דזשי פי עס', רעכטס, און נאכדעם לינקס, און... נאכאמאל: 'שטעלט אויס די וועג פון דאסניי' (חישוב מסלול מחדש)...

ניין! דאס קען נישט זיין! וואס האט יעצט פאסירט?! ער האט נישט פארברענגט קיין צייט, נאר ער איז נאכאמאל אראפגעפלויגן דעם גאנצן וועג, די דריטע מאל האט ער פראבירט בעסער אכטונג געבן, אבער דאס מאל האט ער ווידער פארפאסט.

די צייט איז שוין געווען פינעף און צוואנציג נאך פיר. נאר דאס פעלט אים אויס, דערלייגן דעם פליגער, וויאזוי וועט זיין פאמיליע פארברענגען דעם שבת אן אים? און וואס וועט ער אליין טוהן??

ער האט זיך אפגעשטעלט אין די זייט, אראפגעווארפן דעם נישט פאלגעדיגן 'דזשי פי עס' אויף די ערד פון די מאשין, ער האט אראפגעלייגט זיין קאפ און האט אויסגעבראכן אין א ביטערן געוויין וואס איז ארויס געקומען פון די טיפענישן פון זיין נשמה; 'איך בעהט דיך, רבונו של עולם! איך האב נישט קיין אנדערע האפענונג אויסער דיר' - האט ער געשריגן, 'נאר דו קענסט מיך העלפן איך זאל נישט דערלייגן דעם פליגער, איך בעהט דיך, העלף מיר!'.

צוויי מינוט זענען אריבער אויף אים ווען ער דאוונט מיט טרערן, אזאנס וואס ער האט נאך קיינמאל נישט געשפירט. נאך צוויי מינוט האט זיך ווי אויפגעכאפט און האט אנגעהויבן פארן ווי פון זיך אליין. איין מינוט נאכדעם איז ער געשטאנען נעבן די קאמפאני פון די אויטא'ס וואס געפונט זיך אין די 'קענעדי' לופטפעלד.

צוויי איינפאכע ארבייטער האבן אים אויפגענומען. עס האט נישט אויסגעזעהן אז די פרעשע וואס ער געפונט זיך טוהט עפעס אויף. זיי האבן געמיטליכערהייט געקוקט די דאקומענטן, די זייגער איז שוין געווען פיר מיט פערציג מינוט, און ער האט זיך אנגעהויבן צו בעהטן מיט זיין צובראכענעם ענגליש: 'מיין פליגער פארט האלב זעקס, איך מוז עס נאך אניאגן'.

זיינע ווערטער האט נישט געמאכט קיין ספעציעלע איינדרוק אויף די צוויי ארבייטער. ביי זיך אין הארץ האט ער שוין ווי צוגעשטימט אז ער וועט דערלייגן דעם פליגער. אבער פלוצלינג איז מיט א איילעניש ארויסגעקומען פונעם דערנעבנדיגן בודקע דער פארוואלטער, א גוי פונקט ווי זיי, און האט אנגעהויבן שרייען אויף ענגליש צו זיי. ער האט ממש נישט פארשטאנען וואס איז דא געזאגט געווארן אין די קורצע שמועס, אבער איין מינוט נאכדעם האט מען זיינע רענצלעך צוריק ארויפגעלייגט אויף די מאשין מיט וואס ער איז געקומען, איינער פון די ארבייטער האט אים געוויזן ער זאל זיך זעצן נעבן דעם דרייווער ווען ער אליין פירט די מאשין, און נאך בעפאר הרב פ. האט געקענט עפענען זיין מויל, האט ער אנגעהויבן צו פארן מיט א איילעניש, ער איז ווילדערהייט אריבער געפארן די אנדערע מאשינען אין די אינעווייניגסטע וועגן פון דעם ריזיגן לופטפעלד.

דרייצן מינוט פאר פינעף איז הרב פ. געשטאנען ביים אריינגאנג פונעם טערמינאל וואס פון דארט האט זיך געדארפט הייבן זיין פליגער נאך ארום פערציג מינוט ווען זיינע רענצליך געפונען זיך נעבן אים. דער פארשטייער פון די פליגער קאמפאני האט דארט געווארט אויף אים אומגעדולדיג. ער איז געווען דער לעצטער מיטפארער פון דער פליגער, נאך איין מינוט פארט ווען דער פליגער אן אים.

דער פארשטייער האט אים געהאלפן אריבער די זיכערהייט אונטערזוכונגען (בדיקות ביטחון), און ווען דער זייגער האט געוויזן צוואנציג נאך פינעף איז הרב פ. אריין אינעם פליגער. נאר דעמאלטס האט ער זיך ערלויבט צו אטעמען רואיג.

א רוחניות'דיגע 'דזשי פי עס' האט אים געפירט אהער - איז ער געווען זיכער, ווען ער האט געזעהן אז ער האט נישט קיין וועג וויאזוי זיך צו העלפן, איז געקומען די תפילה און אים געראטעוועט.

'געהערט פון דער בעל המעשה'

"בני אמונים" ת.ד. 102 בני ברק | פקס. 08-9746102 | מייל. 9139191@gmail.com | ניתן לקבל עלון זה במייל מידי שבוע